בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון
קי"ב

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת שלח
שנת תשפ"ה

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## אַ פְּסַק אוּן אַ קָאמְפְּלִימֶענְט

**מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ דֶעם צְוֵוייטְן חֵלֶק פוּנֶעם שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, פַּרְשַׁת שְׁמוֹת שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן.**

### וָואס גֶעדֶענְקְט אַ מֶענְטְשׁ?

צְוֵויי זַאכְן גֶעדֶענְקְט אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף זַיין גַאנְץ לֶעבְּן; אַ פְּסַק אוּן אַ גוּט וָוארְט.

עֶס גֵייט אַרִיבֶּער צֶען יָאר, צְוָואנְצִיג יָאר, דְרַייסִיג יָאר, מֶען פַארְגֶעסְט אַלֶעס, אוֹיסֶער דִי צְוֵויי זַאכְן, אַלֶעס וָואס לִיגְט אוּנְטֶער דָאס וָוארְט 'קְרִיטִיק'; דָאס מֵיינְט, אַ פְּסַק, אַ פַארְשֶׁעמַאכְטְס אוּן אַ פַּחַד. אוּן אַ קָאמְפְּלִימֶענְט; אַ וַואוּו, אַ כָּבוֹד אוּן אַ גְלֶעט. אַזוֹי זֶע אִיךְ בַּיי מִיר, וָואס גֶעדֶענְק אִיךְ פוּן מִיר אַלְס קִינְד? נָאר דָאס וָואס מֶען הָאט מִיךְ אוֹיסְגֶערוּמְט אוּן וָואס מֶען הָאט מִיךְ פַארְשֶׁעמְט.

מֶען דַארְף זֶען אַז וֶוען דִי קִינְדֶער וֶועלְן עֶלְטֶער וֶוערְן, אֶפְשָׁר וֶועט נָאךְ אֵיינֶער וֶוערְן אַ רָב, אַ דַיָּין אוּן אַ רֹאשׁ הַקָּהָל, זָאלְן זֵיי גֶעדֶענְקֶען אַז דוּ הָאסְט אִים גֶעגֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט, אוּן דוּ הָאסְט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן עֶר זָאל נִישְׁט פַארְשֶׁעמְט וֶוערְן.

### נִישְׁט הָאבְּן קַיין זַייטִיגֶע נְגִיעוֹת

אַ מְלַמֵּד דַארְף הַאלְטְן חֶשְׁבּוֹן אַז יֶעדֶעס קִינְד זָאל בַּאקוּמֶען אֵיינִיג, מֶען קֶען נִישְׁט מַאכְן קַיין חִילוּק צְוִוישְׁן דִי קִינְדֶער. עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז נָאר גֶעוִויסֶע קִינְדֶער בַּאקוּמֶען אַ תְּעוּדָה אוּן אַ מַתָּנָה, אוּן נָאר דִי גֶעוִויסֶע קִינְדֶער זֶענֶען מְיֻחָסִים; יֶעדֶער דַארְף זַיין אַ מְיֻחָס אוּן אַ גוּט קִינְד אִין דַיינֶע אוֹיגְן.

אַז עֶס אִיז דָא אַ קִינְד אִין כִּתָּה וָואס דוּ קֶענְסְט נִישְׁט לַיידְן, אִיז חַס וְחָלִילָה צוּ מַאכְן דֶעם קִינְד אַנְדֶערְשׁ. אַמָאל שְׁטְרָאפְּט מֶען אַ קִינְד וַוייל דֶער מְלַמֵּד הָאט זַייטִיגֶע נְגִיעוֹת צוּ דֶעם קִינְד, עֶר קֶען אִים נִישְׁט לַיידְן, אוּן מֶען לֵייגְט עֶס נָאךְ אַרַיין אִין 'לְשֵׁם שָׁמַיִם' אַז מֶען וִויל אִים דָא מְחַנֵּךְ זַיין...

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט וָואס דוּ טְרַאכְסְט אִין הַארְץ, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תּוֹרַת כֹּהֲנִים, פַּרְשַׁת בְּהַר, ד, א): יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טְרַאכְט אִין הַארְץ אוּן קֵיינֶער קֶען נִישְׁט וִויסְן וָואס דוּ טְרַאכְסְט, זָאגְט דֶער פָּסוּק (וַיִּקְרָא כה, יז): **"וְיָרֵאתָ מֵאֱלֹקֶיךָ אֲנִי ה'"**, הָאבּ מוֹרָא פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט דַיין הַארְץ.

### בַּאזַייטִיג נִישְׁט דֶעם קִינְד

אֲפִילוּ אַ קִינְד וָואס לֶערְנְט נִישְׁט, קוּמְט אִים אוֹיךְ נָאכְנִישְׁט מֶען זָאל אִים בַּאזַייטִיגְן אוּן קַנְס'עֶנֶען.

אִיךְ גֶעדֶענְק מַיינֶע קִינְדֶערִישֶׁע יָארְן, אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעוֶוען אִינְטֶערֶעסִירְט צוּ לֶערְנֶען אוּן שְׁטֵיין נֶעבְּן מַיין מְלַמֵּד בַּיי הַפְּסָקָה אוּן בַּיי לָאנְטְשׁ, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען פוּן דִי קִינְדֶער וָואס וֶוען דִי גְלָאק הָאט גֶעקְלִינְגֶען בִּין אִיךְ אִין אַ סֶעקוּנְדֶע שׁוֹין גֶעוֶוען אִינְדְרוֹיסְן, אוּן עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען דִי פָּאר 'שֶׁעפֶּעלֶעךְ' וָואס זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֵיין נֶעבְּן דֶעם מְלַמֵּד, וָואלְסְטוּ מִיךְ אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְּן פוּן כִּתָּה? פַּארְוָואס?! אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין אַ אִיד, אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין גוּט, נָאר אִיךְ הָאבּ לִיבּ זִיךְ צוּ שְׁפִּילְן.

### מִיט אֵיין גְלֶעט צִינְדְסְטוּ אָן אַ גַאנְצֶע דוֹר

לָאמִיר אוֹיפְהֵייבְּן אַ קִינְד, מַאכְן אַן עֵסֶק פוּן אַ קִינְד, גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר אַ קִינְד.

דֶער טַאטֶע הָאט דָאךְ זַיינֶע קָאמְפְּלֶעקְסְן, עֶר אִיז דָאךְ בְּרוֹגֶז אוֹיפְן קִינְד אוּן אוֹיפְן מְלַמֵּד, אוּן דֶער קִינְד הָאט דָאךְ זַיינֶע קָאמְפְּלֶעקְסְן אוֹיף זַיין טַאטֶע, לָאמִיר זַיין אַהֲרֹן הַכֹּהֵן; וֶוען מֶען טְרֶעפְט דֶעם טַאטְן זָאל מֶען זָאגְן: **"דַיין קִינְד אִיז מַמָּשׁ אַ מְחַיֶה"**, אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען מֶען טְרֶעפְט אַ זֵיידֶע אָדֶער אַ פֶּעטֶער, זָאל מֶען אַלְץ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער אֵיינֶער פַארְן אַנְדֶערְן, אוּן פַארְן קִינְד זָאל מֶען זָאגְן: **"דַיין טַאטֶע אִיז אַזַא ווּאוּלֶער מֶענְטְשׁ, דוּ הָאסְט אַזַא חָשׁוּבֶ'עֶ מִשְׁפָּחָה, אַזַא ווּאוּלֶע מִשְׁפָּחָה"**.

וֶוען מֶען טְרֶעפְט אַ אִינְגְל אִינְדְרוֹיסְן, זָאג אִים: **"אָהָ, וָואס מַאכְסְטוּ?"** אוּן גֶעבּ אִים אַ גְלֶעט: **"אָהָ, אַזַא ווּאוֹיל קִינְד"**. מִיט אֵיין גוּט וָוארְט, מִיט אֵיין גְלֶעט, צִינְדְסְטוּ אָן אַ גַאנְצֶע דוֹר.

### מֶען קֶען יֶעדְן מַאכְן פַאר אַ גוֹי

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין קוּנְץ צוּ זוּכְן בַּיי אַ קִינְד חֶסְרוֹנוֹת אוּן אִים מַאכְן פַאר אַ שֵׁיגֶץ, דָאס קֶען יֶעדֶער טוּן.

מֶען קֶען יֶעדְן מַאכְן פַאר אַ גוֹי, מֶען קֶען יֶעדְן מַאכְן פַאר אַ שֵׁיגֶץ, אוּן מֶען קֶען אוֹיף יֶעדְן זָאגְן אַז עֶר הַאלְט נִישְׁט דֶערְבַּיי, אָדֶער קֶען מֶען יֶעדְן מַאכְן לֶעבֶּעדִיג, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט דִי וָואךְ (פַּרְשַׁת שְׁמוֹת) אִין דִי סֶדְרָה (שְׁמוֹת א, יז): **"וַתְּחַיֶּיןָ אֶת הַיְלָדִים"**.

מִיר הָאבְּן דִי וָואךְ אִין דִי סֶדְרָה אַז פַּרְעֹה הָאט גֶעהֵייסְן אַרַיינְוַוארְפְן דִי קִינְדֶער אִין וַואסֶער אוּן אַזוֹי זֵיי אוּמְבְּרֶענְגֶען; מֶען דַארְף נִישְׁט אַרַיינְוַוארְפְן אַ קִינְד אִין וַואסֶער אִים צוּ הַרְגֶ'עֶנֶען, מֶען קֶען לָאזְן אַ קִינְד לֶעבְּן 'טוֹיטֶערְהֵייט', אוֹיבּ מֶען זָאגְט פַאר אַ קִינְד: **"דוּ בִּיסְט גָארְנִישְׁט"**, **"פוּן דִיר וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט אוֹיסְוַואקְסְן"**, אָדֶער אַז מֶען פַארְשֶׁעמְט אִים, מֶען טְרָאגְט אִים אַרוּם אִין אַלֶע כִּיתּוֹת צוּ פַארְשֶׁעמֶען.

עֶנְדֶערְשׁ נֶעם דֶעם קִינְד, טְרָאג אִים אַרוּם אִין אַלֶע כִּיתּוֹת אוּן זָאג פַאר אַלֶע קִינְדֶער: **"דֶער קִינְד אִיז אַזַא בַּעַל דֶרֶךְ אֶרֶץ, עֶר אִיז אַזוֹי אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט, עֶס אִיז דָא אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת אוֹיף אִים, עֶר הֶעלְפְט, עֶר אִיז מְכַבֵּד טַאטֶע מַאמֶע, עֶר פִירְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם"**, הֵייבּ אוֹיף דִי קִינְדֶער!

### צַדִּיקִים גֶעבְּן אַכְטוּנְג אוֹיף אַ אִידִישֶׁע נְשָׁמָה

אַ אִיד הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה, עֶר

הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען מִיט זַיין 'חַבֵר', אָבֶער אִיךְ וֵייס אַז דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים. דֶערְצֵיילְט מִיר דֶער אִיד: וֶוען דֶער סַאטְמֶער רֶבִּי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז גֶעוֶוען נָאךְ זַיין הַארְץ אַטַאקֶע זִיךְ אָפְּרוּעֶן אִין שֶׁערָאן סְפְּרִינְגְס, הָאט מֶען דֶערְצֵיילְט פַארְן רֶבִּי'ן אַז צְוֵויי בָּחוּרִים זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען שַׁבָּת מִיט אַ קַאר, זֵיי הָאבְּן מְחַלֵל שַׁבָּת גֶעוֶוען, רַחֲמָנָא לִיצְלָן, דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוָוארְן בְּלַאס, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל זֵיי רוּפְן, דִי בָּחוּרִים זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי גֶעפְרֶעגְט: **"עֶטְץ הָאטְס שוֹין עֶפֶּעס גֶעגֶעסְן?"** אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי גֶעזָאגְט: **"פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער וִויל אִיךְ עֶטְץ זָאלְטְס יֶעדֶע וָואךְ עֶסְן בַּיי מִיר טוֹעֲמֶיהָ עֶרֶב שַׁבָּת"**.

דֶער רֶבִּי הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דִי בָּחוּרִים זֶענֶען נִישְׁט קַיין 'לְהַכְעִיס' מֶענְטְשְׁן, הָאט עֶר עֶס גֶעמַאכְט מִיט חָכְמָה, עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט זֵיי זָאלְן עֶסְן בַּיי אִים טוֹעֲמֶיהָ, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי שוֹין זַיין פְרַייטָאג בַּיים רֶבִּי'ן, זֵיי וֶועלְן מֶער נִישְׁט קוּמֶען חַס וְשָׁלוֹם אִין שַׁבָּת. אוֹיךְ הָאט זֵיי דֶער רֶבִּי מְקַרֵב גֶעוֶוען אוּן זֵיי גֶענִיצְט זֵיי זָאלְן אִים דְרַייוְון, אוּן דִי צְוֵויי בָּחוּרִים הָאבְּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט שֵׁיינֶע רִיזִיגֶע מִשְׁפָּחוֹת אִין אַמֶערִיקֶע. דֶער רֶבִּי וָואלְט זֵיי גֶעקֶענְט אָנְשְׁרַייעֶן: **"מְחַלֵל שַׁבָּת!"** אוּן זֵיי פַארְטְרַייבְּן, נָאר מֶען זֶעט דָא וִוי צַדִיקִים גֶעבְּן אַכְטוּנְג אוֹיף אַ אִידִישֶׁע נְשָׁמָה.

### זִיךְ נִישְׁט אַרוּמְדְרֵייעֶן מִיט קַאמְפְּלֶעקְס

אִיךְ בֶּעט פוּן דִי מְנַהֲלִים וָואס שְׁטֵייעֶן אוֹיף דִי מְלַמְדִים, זֵיי זָאלְן מְחַזֵק זַיין דִי מְלַמְדִים, אַ מְלַמֵד דַארְף אַסַאךְ חִיזוּק.

אַז דֶער מְנַהֵל פַארְגֶעסְט צוּ גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט, זָאל דֶער מְלַמֵד אַלֵיינְס קוּמֶען קְלַאפְּן אִין אָפִּיס פְרֶעגְן דֶעם מְנַהֵל: **"אִיךְ הָאבּ קַאמְפְּלֶעקְס; אִיךְ וִויל פְרֶעגְן, מֶען אִיז צוּפְרִידְן פוּן מִיר אָדֶער דַארְף אִיךְ עֶפֶּעס פַארְרֶעכְטְן?"**

דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם (עַיֵין פְּעוּלַת הַצַדִיק סִימָן תרע, הֶעָרָה ו): **"דַיין טַאטְנְ'ס חָכְמוֹת פִירְן דִיךְ אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּיוֹת"**, וַוייל אַז מֶען דְרֵיידְט זִיךְ אַרוּם מִיט קָאמְפְּלֶעקְסְן אוּן אוֹ סִי דִי - אִיז זֵייעֶר נִישְׁט גוּט.

לֶעצְטְנְס הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַז אִיךְ הָאבּ דוּרְכְגֶעוָואקְט אַ אִינְגֶערְמַאן, גֶעבּ אִיךְ אִים אַ פְרֶעג מִיט אַ שְׁמֵייכְל: **"אִיךְ הָאבּ שוֹין נִישְׁט גֶערֶעדְט מִיט דִיר צְוֵויי דְרֵיי חֳדָשִׁים, אַלֶעס אִיז פֵיין?"** זָאגְט מִיר דֶער אִינְגֶערְמַאן: **"נֵיין! דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה וֵוייסְט וָואס עֶס גֵייט אוֹיף מִיר דוּרְךְ? אִיךְ הָאבּ זַאכְן פוּן דָא בִּיזְן הִימְל וָואס שְׁטֶערְן מִיךְ, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אִינְדֶערְהֵיים קַיין לֶחֶם לֶאֱכוֹל, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין שָׁלוֹם בַּיִת וְכוּ' וְכוּ'"**, פְרֶעג אִיךְ דֶעם אִינְגֶערְמַאן: **"פַארְוָואס קוּמְסְטוּ נִישְׁט? דוּ הָאסְט דָאךְ אַ ראֹשׁ יְשִׁיבָה וָואס אִיז דִיר גְרֵייט צוּ הֶעלְפְן"**, עֶנְטְפֶערְט מִיר דֶער אִינְגֶערְמַאן: **"אִיךְ קֶען נִישְׁט קוּמֶען צוּם ראֹשׁ יְשִׁיבָה, מַיינֶע קָאמְפְּלֶעקְסְן, אוֹ סִי דִי אוּן חָכְמוֹת לָאזְן מִיךְ נִישְׁט קוּמֶען..."**.

### זַיין צֶען מִינוּט פְרִיעֶר אִין כִּתָּה

עֶס קֶען זַיין אַז דֶער מְנַהֵל וֶועט עֶנְטְפֶערְן פַארְן מְלַמֵד: **"יָא דוּ דַארְפְסְט זִיךְ פַארְבֶּעסֶערְן, דוּ דַארְפְסְט קוּמֶען מֶער צַייטְלִיךְ"**. נַיין אַזֵייגֶער אִיז נִישְׁט קַיין צַייט צוּ קוּמֶען, נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ, אוֹיבּ אִיז 'נַיין אַזֵייגֶער' דִי צַייט וָואס מֶען דַארְף זַיין אִין כִּתָּה, דַארְפְסְטוּ שוֹין זַיין דָארְט 'צֶען צוּ נַיין'. חוּץ אוֹיבּ דוּ בִּיסְט אַ מַלְאָךְ, דוּ קֶענְסְט אָנְקוּמֶען אוּן שוֹין אָנְהֵייבְּן דִי אַרְבֶּעט...

מֶען דַארְף אָנְקוּמֶען צֶען מִינוּט פְרִיעֶר, מְסַדֵר זַיין דֶעם טִישׁ, אוֹיפְהֶענְגֶען דֶעם מַאנְטְל, זִיךְ מַאכְן אַ טְרִינְק, אוּן אָפְּוַוארְטְן דִי קִינְדֶער. דִי קִינְדֶער וֶועלְן אַ גַאנְץ לֶעבְּן גֶעדֶענְקֶען 'מַיין מְלַמֵד הָאט מִיךְ אָפְּגֶעוַוארְט'.

### צְוֵויי זַאכְן גֶעדֶענְקְט מֶען אַ גַאנְץ לֶעבְּן

אִיךְ זָאג עֶנְק נָאכְאַמָאל אִיבֶּער, צְוֵויי זַאכְן גֶעדֶענְקְט מֶען אַ גַאנְץ לֶעבְּן, אַ פְּסַק אוּן אַ קָאמְפְּלִימֶענְט.

אָדֶער וֶועט דָאס קִינְד גֶעדֶענְקֶען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן: 'מַיין מְלַמֵד הָאט מִיךְ גֶעזָאגְט **"דוּ הַאלְסְט נִישְׁט בַּיי גָארְנִישְׁט"**', אָדֶער וֶועט עֶר גֶעדֶענְקֶען דֶעם גוּט וָוארְט וָואס דוּ הָאסְט אִים גֶעגֶעבְּן.

אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ וִוי אַ מַגִיד שִׁיעוּר הָאט מִיר גֶעזָאגְט: **"דוּ הַאלְסְט נִישְׁט בַּיי גָארְנִישְׁט; אַזוֹי נִישְׁט צוּ הַאלְטְן בַּיים לֶערְנֶען? עֶס מוּז זַיין אַז עֶפֶּעס גְרוֹיסֶע זַאכְן וֶועט אוֹיסְוַואקְסְן פוּן דִיר"**, דָאס גֶעדֶענְק אִיךְ פוּנֶעם גַאנְצְן יָאר! וִוידֶער פוּן אַן אַנְדֶערֶער מַגִיד שִׁיעוּר גֶעדֶענְק אִיךְ זַיין גוּט וָוארְט, עֶר הָאט מִיךְ גֶעזָאגְט: **"בִּיסְט אַ גוּטֶער, בִּיסְט אַ קְלוּגֶער, פַארְשְׁטֵייסְט גוּט לֶערְנֶען"**.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, עֶטְץ זָאלְטְס הָאבְּן הַצְלָחָה אוּן סִיַיעְתָּא דִשְׁמַיָא, אָמֵן.

•••

## - אוֹיסְהֶערְן בֵּיידֶע צְדָדִים -

**מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ דֶעם עֶרְשְׁטְן חֵלֶק פוּן אַ שִׁיעוּר וָואס דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְכִים, פַּרְשַׁת וָאֵרָא שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן.**

פַארְן שִׁיעוּר הָאט דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזִינְגֶען דֶעם נִיגוּן: **"אַשְׁרֵיכֶם טַייעֶרֶע מְלַמְדִים, וואוֹיל אִיז עֶנְקֶער חֵלֶק, עֶנְק הָאבְּן דִי זְכִיָה צוּ לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער, אַזוֹי טַייעֶר אַזוֹי הֵיילִיג. וּמַצְדִיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים, אִין הִימְל אִיז אַ מְלַמֵד אַ הֶעלְד, מִיטְן לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוֹיף עֶנְק שְׁטֵייט דִי וֶועלְט"**.

### הִימְלִישֶׁע כֹּחוֹת צוּ לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער

גֶעלוֹיבְּט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אַז מִיר קוּמֶען זִיךְ נָאכְאַמָאל צוּזַאם, צוּ מְחַזֵק זַיין דִי מְלַמְדִים אוּן מְחַנְכִים.

אַזוֹי וִוי מֶען גֶעבְּט עֶנְק צוּ הֶערְן דֶעם שִׁיעוּר בַּיי הַפְסָקָה, וֶועט מֶען נִישְׁט מַאכְן קַיין לַאנְגֶע שִׁיעוּר. אוּן אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט מֶען גֶעבְּן צוּ הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים אִין אַלֶע תַּלְמוּד תּוֹרָה'ס אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַלֶע וֶועלְן זִיךְ מְחַיֶה זַיין מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וָואס דִי וֶועלְט וֶועט מוּזְן מוֹדֶה זַיין אַז מֶען דַארְף הָאבְּן דֶעם רֶבִּינְ'ס חִיזוּק, עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן אוּן גָארְנִישְׁט נִיצְן, אַלֶע וֶועלְן דַארְפְן דִי חִיזוּק פוּן רֶבִּי'ן.

עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג אַז מְלַמְדִים זָאלְן הֶערְן חִיזוּק וִוי אַזוֹי אָנְצוּגֵיין מִיט דִי קִינְדֶער, וַוייל קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט קַיין בַּאקְסֶעס וָואס מֶען לֶערְנְט זִיךְ אֵיין מָאל אוֹיס וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט דֶעם גֶעשֶׁעפְט, דֶעם אָפִּיס אוּן וֶוערְהַאוּז (מַאגַאזִין), אוּן נָאכְדֶעם גֵייט שוֹין אַלֶעס אוֹיפְן זֶעלְבְּן שְׁטֵייגֶער; צוּ לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער אִיז אַרְבֶּעט - יֶעדְן טָאג פוּן פְרִישׁ. מֶען דַארְף הָאבְּן הִימְלִישֶׁע כֹּחוֹת צוּ לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער; דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ח:) אוֹיפְן פָּסוּק (דָנִיֵאל יב, ג): **"וּמַצְדִיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים לְעוֹלָם וָעֶד": "אֵלוּ מְלַמְדֵי תִינוֹקוֹת!"** - אַ מְלַמֵד דַארְף הָאבְּן הִימְלִישֶׁע כֹּחוֹת; דֶערְפַאר אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג פַאר מְלַמְדִים צוּ הֶערְן כְּסֵדֶר חִיזוּק.

### אַ בְּרוּדֶער מִיט אַ בְּרוּדֶער וֶועגְן אַ שְׁטֶעקְן...

הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה וָואס אִיךְ הָאבּ הַיינְט גֶעהֶערְט. דֶער מְנַהֵל פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל רוּפְט מִיר אָן, עֶר זָאגְט מִיר אַז עֶר הָאט הַיינְט מַמָשׁ גֶעהַאט אַ נֵס, אַ דַאנְק דֶעם וָואס עֶר הֶערְט אַזוֹיפִיל דְרָשׁוֹת אוּן עֶר לֵיינְט אַזוֹי סַאךְ בְּרִיוְון פוּן מוֹהֲרָא"שׁ אַז מֶען דַארְף צוּגֵיין גֶעלַאסְן צוּ אַ קִינְד.

וָואס אִיז גֶעוֶוען דִי מַעֲשֶׂה? דֶער מְנַהֵל פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז גֶעזִיצְן אִין זַיין אָפִּיס אִין יְרוּשָׁלַיִם, עֶר קוּקְט אַרַיין אִין דִי כִּיתּוֹת פוּן טְבֶרְיָה דוּרְךְ דִי קֶעמֶערֶעס, אוּן עֶר זֶעט בַּיי הַפְסָקָה וִוי אַ קִינְד שְׁטֶעלְט זִיךְ אַרוֹיף אוֹיף אַ בֶּענְקְל, עֶר לֵייגְט אַרוֹיף אַ בֶּעזֶעם אוֹיפְן טִיר, אַז וֶוען דִי טִיר וֶועט זִיךְ עֶפֶענֶען זָאל דִי בֶּעזֶעם אַרָאפְּפַאלְן אוֹיף יֶענֶעמְ'ס קָאפּ, אַזוֹי וֶועט וֶוערְן 'יִשְׂמְחוּ' וֶוען דֶער מְלַמֵד וֶועט אַרַיינְקוּמֶען...

דֶער מְנַהֵל זִיצְט זִיךְ בַּיי זִיךְ אִין אָפִּיס אוּן דָאס בְּלוּט הֵייבְּט אִים אָן צוּ שְׁפְּרִיצְן אִין קָאפּ, עֶר טְרַאכְט 'וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אָנְקוּמֶען צוּם

# אוֹיסְהֶערְן בֵּיידֶע צְדָדִים

קִינְד, אִים הֵייסְן אַרָאפְּנֶעמֶען דֶעם בֶּעזֶעם? (דֶער מְנַהֵל פוּן שְׁטֶעטְל וָואלְט גְלַייךְ גֶעקֶענְט אַרַיינְגֵיין אִין כִּתָּה גֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ, אָבֶּער דֶער מְנַהֵל פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וואוֹינְט אִין יְרוּשָׁלַיִם אוּן עֶר קוּקְט אִין דִי קֶעמֶערֶעס צוּ אַנְדֶערֶע שְׁטֶעט, בִּיז עֶר וֶועט אָנְקוּמֶען קַיין טְבֶרְיָה וֶועט נֶעמֶען אַ צְוֵויי שָׁעָה).

דֶער מְנַהֵל קוּקְט וַוייטֶער אוּן עֶר זֶעט וִוי עֶס הָאט זִיךְ שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט הַפְּסָקָה, אַלֶע קִינְדֶער זֶעצְן זִיךְ אַרָאפּ, דֶער מְלַמֵּד עֶפְנְט דֶעם טִיר, אוּן נִישְׁט מֶער אוּן נִישְׁט וֵוייניגֶער - דֶער מְלַמֵּד כַאפְּט אַ זֶעץ אִין קָאפּ פוּנֶעם שְׁטֶעקְן פוּן דֶעם בֶּעזֶעם.

דֶער מְנַהֵל הָאט דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן, עֶר הֵייבְּט אוֹיף דֶעם טֶעלֶעפָאוֹן אוּן עֶר זָאגְט פַארְן מְלַמֵּד: **"צִינְד אָן דַיין טֶעלֶעפָאוֹן אוֹיף סְפִּיקֶער"**, אוּן דֶער מְנַהֵל פְרֶעגְט הוֹיךְ: **"ווער עֶס הָאט גֶעלֵייגְט דֶעם שְׁטֶעקְן הֶעכֶער דֶעם טִיר, זָאל זִיךְ יֶעצְט מוֹדֶה זַיין!"** קֵיינֶער רוּפְט זִיךְ נִישְׁט אָן, דֶער מְנַהֵל פְרֶעגְט נָאכְאַמָאל: **"ווער עֶס הָאט גֶעלֵייגְט דֶעם שְׁטֶעקְן הֶעכֶערְן טִיר זָאל זִיךְ יֶעצְט מוֹדֶה זַיין, עֶר זָאל זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן אוּן וַוארְטְן אִינְדְרוֹיסְן פוּן כִּתָּה"**. דָאס אִיז טַאקֶע אַ גוּטֶע זַאךְ, אַז מֶען זָאל אַרוֹיסְשִׁיקְן דֶעם קִינְד פוּן כִּתָּה, רֶעדְן פְּרִיוַואט מִיטְן קִינְד.

דֶער אִינְגְל שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף אוּן גֵייט אַרוֹיס פוּן כִּתָּה, דֶער מְנַהֵל זָאגְט פַארְן מְלַמֵּד: **"אִיךְ וִויל רֶעדְן מִיטְן קִינְד אוֹיפְן טֶעלֶעפָאוֹן"**, דֶער מְלַמֵּד גֶעבְּט דֶעם טֶעלֶעפָאוֹן פַארְן קִינְד אוּן דֶער מְנַהֵל פְרֶעגְט אִים: **"וָואס אִיז גֶעוֶוען דִי מַעֲשֶׂה מִיטְן שְׁטֶעקְן הֶעכֶערְן טִיר?"** זָאגְט דֶער קִינְד: **"אַפָּאר מִינוּט צוּרִיק הָאט מַיין בְּרוּדֶער גֶעלֵייגְט דֶעם בֶּעזֶעם הֶעכֶער דֶעם טִיר פַאר מִיר, וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפְנְט דֶעם טִיר אִיז עֶס אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוֹיף מִיר, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אַז אִיךְ וֶועל עֶס אוֹיךְ לֵייגְן פַאר אִים, בַּאלְד קוּמְט מַיין בְּרוּדֶער אַרַיין, זָאל עֶס פַאלְן אוֹיף אִים"**.

דֶער מְנַהֵל זָאגְט מִיר: עֶס קוּמְט אוֹיס אַז דֶער קִינְד הָאט בִּכְלַל נִישְׁט אִינְזִין גֶעהַאט דֶעם מְלַמֵּד, עֶר הָאט בִּכְלַל נִישְׁט אִינְזִין גֶעהַאט צוּ צֶעוַוארְפְן דִי מַעֲרֶכֶת הַחִינוּךְ פוּן אוּנְזֶער תַּלְמוּד תּוֹרָה... עֶס אִיז אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ בְּרוּדֶער מִיט אַ בְּרוּדֶער וֶועגְן אַ שְׁטֶעקְן... וֶוען אִיךְ וָואלְט גְלַייךְ גֶענוּמֶען שְׁרִיט צוּ בַּאשְׁטְרָאפְן דֶעם קִינְד, וָואלְט אִיךְ גֶעזָאגְט פַארְן קִינְד: **"טוּ אָן דַיין מַאנְטְל אוּן גֵיי אַהֵיים!"** - בְּשָׁעַת דֶער קִינְד אִיז בֶּאֱמֶת נִישְׁט שׁוּלְדִיג.

מֶען זֶעט פוּן דֶעם מַעֲשֶׂה וִוי וִויכְטִיג עֶס אִיז אַז פַאר דֶער מְלַמֵּד אָדֶער מְנַהֵל וִויל טוּן אַ שְׁרִיט, זָאל עֶר פְרֶעגְן דֶעם קִינְד זַיין צַד פוּן דִי מַעֲשֶׂה, אֲפִילוּ עֶר מֵיינְט אַז דָאס קִינְד אִיז זִיכֶער שׁוּלְדִיג.

## "רֶבִּי, פַארְוָואס וֵויינְסְטוּ?"

דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם מוֹצָאֵי שַׁבָּת זֶענֶען זִיךְ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען אַלֶע ווייטְצֶענֶע אֵיינִיקְלֶעךְ, לְכָבוֹד דֶעם פוּפְצִיגְסְטְן יָארְצַייט פוּנֶעם וַוייטְצֶענֶער רָב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (מַיין שְׁוֶוערְ'ס זֵיידֶע). [דֶער וַוייטְצֶענֶער רָב הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהַאט פַארְלוֹירְן אִין שִׁיקַאגוֹ, עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעוָואלְט זַיין אַ שֵׁיינֶער אִיד אַזוֹי וִוי אַלֶע שֵׁיינֶע אִידְן אִין ווילְיַאמְסְבּוּרְג, אָבֶּער דֶער סַאטְמֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אִים גֶעזָאגְט: **"קוּם נִישְׁט אַהֶער, בְּלַייבּ אִין שִׁיקַאגוֹ, בּוֹי דָארְט אוֹיף אִידִישְׁקֵייט, מִקְוָאוֹת אוּן חָלָב יִשְׂרָאֵל"**, אִיז עֶר דָארְט גֶעבְּלִיבְּן וואוֹינֶען מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ, אוּן זִיךְ גֶעשְׁלָאגְן צוּ בּוֹיעֶן מִקְוָאוֹת אוּן מַאכְן חָלָב יִשְׂרָאֵל].

לְכָבוֹד דֶעם כִּנּוּס הָאט מֶען אַרָאפְּגֶערוּפְן אַ אִיד פוּן שִׁיקַאגוֹ, אֵיינֶע פוּן וַוייטְצֶענֶער רָבְ'ס גוּטֶע פְרֵיינְד, אוּן עֶר הָאט אוֹיפְגֶעטְרָאטְן מִיט אַ דְּרָשָׁה.

דֶער אִיד אִיז גֶעוֶוען אַ בָּחוּר וֶוען וַוייטְצֶענֶער רָב הָאט גֶעלֶעבְּט, אוּן יֶעצְט אִיז עֶר שׁוֹין יָארְן אַ מְלַמֵּד. אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט פוּן זַיין דְּרָשָׁה, ווייל אִינְמִיטְן זַיין דְּרָשָׁה הָאט עֶר גֶערֶעדְט וִוי שְׁטַארְק אַ מְלַמֵּד דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּ זַיין גֶעלַאסְן אוּן נִישְׁט גְלַייךְ נֶעמֶען שְׁרִיט פַאר מֶען וֵוייסְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, אוּן עֶר הָאט דֶערְבֵּיי דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן זַיין מְלוּמְדוּת וָואס הָאט מִיךְ מַמָּשׁ גֶעמַאכְט וֵויינֶען.

דֶערְצֵיילְט עֶר אַזוֹי: אֵיין יָאר הָאט עֶר גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד וָואס אִיז יֶעדְן טָאג גֶעקוּמֶען שְׁפֶּעט, מֶען קֶען דָאךְ נִישְׁט סְתָּם אַזוֹי קוּמֶען שְׁפֶּעט, אִיז עֶר יֶעדְן טָאג גֶעקוּמֶען מִיט אַ צֶעטְל אוּן אַרָאפְּגֶעלֵייגְט אוֹיפְן טִישׁ, דֶער מְלַמֵּד אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען צוּגֶעוואוֹינְט צוּ דִי מַאמֶע'ס שְׁרִיפְט אוּן צוּ דֶער נוּסָח וָואס דִי מַאמֶע שְׁרַייבְּט, אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּמֶען צַייטְלִיךְ ווייל עֶס אִיז גֶעוֶוען דִי אוּן דִי אוֹנֵס; יֶעדְן טָאג מִיט אַ צְוֵוייטֶע סִיבָּה.

אֵיין טָאג קוּמְט דֶער אִינְגְל אַרַיין אִין כִּתָּה מִיט אַ צֶעטְל, מִיט אַן אַנְדֶערֶע שְׁרִיפְט אוּן אַן אַנְדֶערֶע נוּסָח, עֶס אִיז דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען מִיט שְׁוַואכֶע אוֹתִיוֹת: **"בִּיטֶע פַארְגֶעבְּן דֶעם קִינְד פַארְן קוּמֶען שְׁפֶּעט, וְאִתְּכֶם הַסְּלִיחָה"**.

דֶער צֶעטְל הָאט נִישְׁט גֶעשְׁמֶעקְט פַארְן מְלַמֵּד, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ חֲשַׁד אַז דֶער קִינְד הָאט אַלֵיינְס גֶעשְׁרִיבְּן דֶעם צֶעטְל. דֶער מְלַמֵּד קוּקְט אוֹיפְן קִינְד אוּן אוֹיפְן צֶעטְל אוּן צוּרִיק אוֹיפְן קִינְד... עֶר הֵייבְּט שׁוֹין אָן צוּ וֶוערְן גֶערֶעגְט אוּן עֶר טְרַאכְט: 'מֶען דַארְף מְחַנֵּךְ זַיין דֶעם קִינְד!' אָבֶּער נָאכְדֶעם גֶעבְּט עֶר אַ טְרַאכְט: 'אֵיין מִינוּט, וָואס דַארְף אִיךְ יֶעצְט קֶעיר נֶעמֶען אִינְמִיטְן כִּתָּה, אִיךְ קֶען דָאךְ וַוארְטְן אוֹיף הַפְּסָקָה', זָאגְט עֶר פַארְן קִינְד: **"זֶעץ זִיךְ אַרָאפּ"**, עֶר קוּקְט נָאכְאַמָאל אוֹיפְן צֶעטְל אוּן אוֹיפְן קִינְד, אוּן בַּאשְׁלִיסְט אַז עֶר וֶועט טַאקֶע אוֹיסְוַוארְטְן אוֹיף הַפְּסָקָה.

בַּיי הַפְּסָקָה וֶוען אַלֶע קִינְדֶער גֵייעֶן אַרוֹיס, נֶעמְט דֶער מְלַמֵּד נָאכְאַמָאל דֶעם צֶעטְל אִין הַאנְט, עֶר רוּפְט דֶעם קִינְד אוּן עֶר קוּקְט אוֹיפְן צֶעטְל, עֶר טְרַאכְט אַז יֶעצְט גֵייט עֶר שׁוֹין גֶעבְּן דֶעם שְׁטְרָאף, רוּפְט זִיךְ דֶער קִינְד אָן: **"רֶבִּי, דוּ בִּיסְט נֵייגֶערִיג וֶוער עֶס הָאט גֶעשְׁרִיבְּן דֶעם צֶעטְל? דָאס הָאט מַיין טַאטֶע גֶעשְׁרִיבְּן, מַיין טַאטֶע אִיז בְּלִינְד"**.

דֶערְצֵיילְט דֶער מְלַמֵּד וַוייטֶער: אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעשָׁאסְן אִין אַ גֶעוֵויין, פְרֶעגְט מִיר דֶער קִינְד: **"רֶבִּי, פַארְוָואס וֵויינְסְטוּ?"** הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: **"פַארְוָואס אִיךְ וֵויין? אִיךְ וֵויין ווייל דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן!"**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט פוּן זַיין עֶנְטְפֶער, אִין אַ גֶעוִויסֶע בְּחִינָה הָאבּ אִיךְ הֲנָאָה גֶעהַאט פוּן דֶעם עֶנְטְפֶער מֶער וִוי פוּן דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, ווייל דָאס אִיז אַ קְלוּגֶער מְלַמֵּד, קוֹדֶם זָאלְסְטוּ וִויסְן אִיךְ וֵויין נִישְׁט וֶועגְן דִיר, אִיךְ מַאךְ דִיךְ נִישְׁט יֶעצְט פַאר אַ רַחְמָנוּת'דִיגֶער אִינְגְל...

דֶער מְלַמֵּד דֶערְצֵיילְט, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ וָואלְט דָאךְ גֶעקֶענְט הַרְגֶ'עֶנֶען דֶעם קִינְד; שְׁכּוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט סַבְלָנוּת אוֹיסְצוּוַוארְטְן בִּיז הַפְּסָקָה, אוּן פְרֶעגְן דֶעם קִינְד פָּנִים אֶל פָּנִים וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דֶעם צֶעטְל. דֶער קִינְד זָאגְט מִיר: **"מַיין בְּלִינְדֶער טַאטֶע הָאט עֶס גֶעשְׁרִיבְּן..."** - יֶעצְט בִּין אִיךְ גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי פָּשׁוּט דִי מַעֲשֶׂה דָארְט, עֶס אִיז דָא אִינְדֶערְהֵיים אַ בְּלִינְדֶער טַאטֶע, וֶועגְן דֶעם קוּמְט דֶער קִינְד שְׁפֶּעט.

## מֶען מוּז אוֹיסְהֶערְן בֵּיידֶע צְדָדִים

אִיךְ קֶען עֶנְק דֶערְצֵיילְן נָאךְ אַסַאךְ מַעֲשִׂיּוֹת, אִיךְ וִויל אָבֶּער נִישְׁט צוּנֶעמֶען עֶנְקֶער הַפְּסָקָה, אִיךְ וִויל עֶטְץ זָאלְטְס אַרַיינְגֵיין אִין כִּתָּה נָאךְ הַפְּסָקָה מִיט גֶעשְׁמַאק, אִיךְ וִויל עֶנְק אָבֶּער בֶּעטְן: יֶעדֶע מַעֲשֶׂה וָואס פַּאסִירְט, אֲפִילוּ מֶען וֵוייסְט קְלָאר אַז דֶער קִינְד אִיז שׁוּלְדִיג, מֶען זֶעט אֲפִילוּ וִוי עֶס רִינְט בְּלוּט, אוּן יֶענֶער קִינְד אִיז 'דֶער שְׁלֶעכְטֶער' אִינְגְל וָואס צֶעבְּלוּטִיגְט יֶעדְן אֵיינֶעם, מוּז מֶען אָבֶּער אוֹיסְהֶערְן בֵּיידֶע צְדָדִים.

הֶמְשֵׁךְ פוּנֶעם שִׁיעוּר אִי"ה קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ

## וָואס טוּ אִיךְ מִיט מַיינֶע קִינְדֶער וָואס הַאלְטְן נִישְׁט בַּיים אַיינְזִיצְן בַּיים שַׁבָּת טִישׁ?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים דֶעם פָארְגַאנְגֶענֶעם זוּמֶער אוּן דָאס הָאט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעטוֹישְׁט צוּם גוּטְן אִין אַלֶע הִינְזִיכְטְן, ווִי אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען תּוֹרָה יֶעדְן טָאג, אִיךְ בִּין מַעֲבִיר סֶדְרָה אוּן אִיךְ זָאג יֶעדְן טָאג דְרַיי פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת; אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ מַמָּשׁ ווִי אַ נַייעֶר מֶענְטְשׁ.

אִיךְ הָאבּ גֶעווָאלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַלְץ אַז מֶען זָאל דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פַאר דִי קִינְדֶער בַּיים שַׁבָּת טִישׁ, אִיךְ פְּרוּבִּיר דִי לֶעצְטֶע פַאר וָואכְן צוּ דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת בַּיים טִישׁ, אָבֶּער מַיינֶע קִינְדֶער הֶערְן מִיךְ בִּכְלָל נִישְׁט אוֹיס, זֵיי קְרִיגְן זִיךְ אַרוּם דוּרְכְאוֹיס דִי גַאנְצֶע סְעוּדָה, אִיז דָא עֶפֶּעס אַן עֵצָה אוֹיף דֶעם?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"א מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֵיין נִישְׁט אַז נָאר דַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען ווִילְד אוּן שְׁפְּרִינְגֶעדִיג וְכוּ', דָאס אִיז דִי גֶעווֹינְטֶע נַאטוּר פוּן קִינְדֶער; גֶעווֹינְטֶע קִינְדֶער שְׁפְּרִינְגֶען אוּן קְרִיגְן זִיךְ בַּיים שַׁבָּת טִישׁ אוּן דִי אַרְבֶּעט פוּן דִי עֶלְטֶערְן אִיז צוּ פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע חָכְמוֹת צוּ מַאכְן אַז דִי סְעוּדָה זָאל זַיין אִינְטֶערֶעסַאנְט.

ווֶען מֶען הָאט עֶלְטֶערֶע אוּן יוּנְגֶערֶע קִינְדֶער אִינְדֶערְהֵיים דַארְף מֶען מַאכְן דִי סְעוּדָה אִינְטֶערֶעסַאנְט פַאר בֵּיידֶע. מֶען קֶען נִישְׁט פַארְלַאנְגֶען פוּן קְלֵיינֶע קִינְדֶער צוּ זִיצְן בַּיים טִישׁ בְּמֶשֶׁךְ דִי גַאנְצֶע סְעוּדָה, דֶערִיבֶּער אִיז גוּט אַז אָנְהוֹיבּ סְעוּדָה זָאל מֶען מֶער רֶעדְן צוּ דִי קְלֵיינְטְשִׁיגֶע קִינְדֶער, ווִילָאנְג זֵיי הַאלְטְן נָאךְ מִיט דִי סְעוּדָה, אוּן שְׁפֶּעטֶער ווֶען דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער גֵייעֶן זִיךְ שְׁפִּילְן - זָאל מֶען מֶער פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי עֶלְטֶערֶע; מֶען גֵייט אִיבֶּער דִי פָּרָשָׁה, מֶען פְרֶעגְט יֶעדְן קִינְד אַ שְׁאֵלָה אוּן מֶען פַארְבְּרֵייטֶערְט דֶעם תֵּירוּץ מִיט אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מִדְרָשִׁים וְכוּ'.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מִיט אַלֶע חָכְמוֹת אוּן עֵצוֹת דַארְף מֶען מַאכְן אַסַאךְ תְּפִלּוֹת יֶעדֶע וָואךְ פַאר שַׁבָּת קוּמְט צוּ גֵיין אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת מִיט דִי ווַייבּ אוּן קִינְדֶער. ווַייל דֶער יֵצֶר הָרָע צִיטֶערְט זֵייעֶר פוּנֶעם שַׁבָּת, עֶר ווֵייסְט אַז שַׁבָּת אִיז אַ צַייט וָואס דֶער אִיד קְלֶעבְּט זִיךְ צוּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן שַׁבָּת בּוֹיט דֶער אִיד זַיין שְׁטוּבּ, זַיין ווַייבּ אוּן זַיינֶע קִינְדֶער, דֶערְפַאר מַאכְט עֶר עֶס זָאל זַיין מַחֲלֹקֶת אוּן אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט, אַבִּי דֶער שַׁבָּת זָאל זַיין צֶעשְׁטֶערְט. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער חִידָ"א זִכְרוֹנוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט אִין סֵפֶר עֲבוֹדַת הַקּוֹדֶשׁ (מוֹרֶה בְּאֶצְבַּע סִימָן ד, אוֹת קמ) אַז עֶרֶב שַׁבָּת קוּמְט דֶער שָׂטָן אִין יֶעדֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ אוּן מַאכְט עֶס זָאל אוֹיסְבְּרֶעכְן אַ מַחְלוֹקֶה צְווִישְׁן מַאן אוּן ווַייבּ; עֶר הָאט זֵייעֶר מוֹרָא ווֶען מַאן אוּן ווַייבּ פַארְטְרָאגְן זִיךְ, בְּעִיקָר אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, ווַייל ווֶען מַאן אוּן ווַייבּ פַארְטְרָאגְן זִיךְ אוּן לֶעבְּן צוּזַאמֶען בְּאַהֲבָה וְשָׁלוֹם דֶעמָאלְט הָאט עֶר נִישְׁט קֵיין שׁוּם שְׁלִיטָה אוֹיף זֵיי, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת מְרִיבָה, סִימָן סו): "בִּמְקוֹם מְרִיבָה שָׁם הַשָּׂטָן", דָארְט וואוּ מֶען קְרִיגְט זִיךְ דָארְט אִיז דֶער שָׂטָן; נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם אוֹת שָׁלוֹם, סִימָן יח): "הַבְּרָכָה בָּא עַל יְדֵי שָׁלוֹם"; אוֹיבּ מֶען אִיז בְּשָׁלוֹם ווֶעט מֶען הָאבְּן בְּרָכוֹת; דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֵייעֶר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן אוּן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט בֵּייזֶערְן אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס פַּאסִירְט, אַזוֹי אַרוּם ווֶעט מֶען נִיצוֹל ווֶערְן פוּנֶעם שָׂטָן אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ אַ פְרֵיילִיכֶע שַׁבָּת.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זֶען עֶס זָאל הֶערְשְׁן אַ פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ; אַז דוּ ווֶעסְט זַיין פְרֵיילִיךְ ווֶעלְן אַלֶע פָּרָאבְּלֶעמֶען אַוֶועק פַאלְן. קִינְדֶער ווַארְטְן אַ גַאנְצֶע ווָאךְ פַאר'ן הֵיילִיגְן שַׁבָּת - אַ צַייט וָואס מֶען פַארְבְּרֶענְגְט מִיט זֵיי מִיט שִׂמְחָה אוּן מְנוּחָה.

גֶעדֶענְק אַז אַלֶעס ווֶענְדְט זִיךְ אִינֶעם רֹאשׁ הַמִּשְׁפָּחָה; אַז דֶער טַאטֶע אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז אַלֶעס גוּט, אוּן אַז דֶער טַאטֶע אִיז נֶערְוֶועז - דֶעמָאלְט אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער. דֶער טַאטֶע דַארְף נִישְׁט מַאכְן אַן עֵסֶק פוּן יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט, נִישְׁט יֶעדֶע זַאךְ דַארְף מֶען זֶען אוּן נִישְׁט יֶעדֶע זַאךְ דַארְף מֶען הֶערְן; אַז דוּ ווֶעסְט זַיין פְרֵיילִיךְ ווֶעלְן אַלֶע קִינְדֶער הָאבְּן חֵשֶׁק צוּ זִיצְן נֶעבְּן דִיר אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִיר בַּיי דִי סְעוּדָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצתו אמונה חלק ו', מכתב תסא)


**חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג**

אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב

צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך

פון דער ראש ישיבה שליט"א

**אויף קול ברסלב**

**דרוקט: 1-2-4-2**

**- שמעו ותחי נפשכם -**

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: chinuchgilyon@gmail.com

**קול ברסלב**

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך

212-444-9191 / 845-351-0910

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך

845-351-9060 / 212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876